**גוט שבת אלע אידן.** ר' משה לאנדינסקי איז א רב וואס פארט אסאך מאל קיין קאליפארניע אויף מצוה צוועקן. ר' משה איז אסאך מאל איינגעשטאנען דארט ביי א געוויסע ספרדישע משפחה וואס הייסט די "טורגעמאן" משפחה (נישט זייער עכטע נאמען). איין שבת, איז פונקט אויסגעקומען אז ר' משה זאל זיין ביי די טורגעמאנס, בשעת זיי האבן פארברענגט צוזאמען א שמחה אין די משפחה. דער דריי און אכציג יעריגער זיידע פון דער משפחה, ר' יעקב טורגעמאן איז אויך געקומען צו דער שמחה. אין מיטן דעם סעודה, האט דער זיידע ר' יעקב געפרעגט ר' משה, "האב איך אמאל דערציילט צו דיר דעם מעשה פון מיין ציין?" "ניין, איך גלייב אז נישט..." האט ר' משה געענפערט דעם עלטערן איד. "וואס איז מיט דיין ציין?" האט ר' משה אים געפרעגט.

דאן האט ר' יעקב געעפענט ברייט זיין מויל צו ווייזן וואו עטליכע ציין פעלן. "נו," האט ר' יעקב אנגעהויבן צו דערציילן, "עס איז געווען אדר תש"ד..."

אסאך מענטשן ווייסן נישט אז די דייטשע רשעים ימ"ש זענען אנגעקומען ביז גריכנלאנד. ר' יעקב טורגעמאן מיט זיין משפחה זענען געווען פון די אידן וואס זענען ליידער אריינגעכאפט געווארן אין דעם געפערליכען נעץ וואס די דייטשע האבן געשפרייט איבער גריכנלאנד. מען ווייסט אז רוב אידן וואס זענען אומגעקומען עק"ה זענען געווען פון אשכנזישע לענדער. אבער באמת זענען אסאך ספרדישע אידן אויך גערודפט און געהרגט געווארן אין די מלחמה. עס איז מעגליך צו זאגן אז רוב פון די ספרדישע אידן וואס זענען אומגעקומען אין די מלחמה זענען געקומען פון א געגענט און גריכנלאנד וואס הייסט סאלוניקא.

יעקב מיט זיין משפחה זענען געווען צווישן די אידן וואס די חיות האבן ליידער געפירט דעם גאנצען וועג פון סאלוניקא ביז אוישוויטץ. אסאך פון די אידן וואס יעקב האט געטראפן אין לאגער האבן זיך שוין נעבאך מייאש געווען וועגן דורכלעבן דעם שווערן מצב. יעקב האט נאכאלץ געהאפט אבער אז ער וועט מיט דעם אייבערשטענ'ס העלף געראטעוועט ווערן פון דער סכנה.

די אידן וואס מען האט נישט גלייך געשיקט צו די קאמערן, האט מען זיי געגעבן צוויי פשוטע כלים פאר עסן, א לעפעל מיט א טיפע טעלער. די צוויי זאכן זענען געווען גאר וויכטיג צו קענען דורכלעבן דעם לאגער. ווייל אן די צוויי כלים, האט מען נישט געקענט עסן די הייסע וואסער וואס מען האט גערופן זופ, וואס מען האט געגעבן צו עסן פאר די אידן. כדי צו טון די שווערע ארבעט וואס מען האט פארלאנגט פון די אידן אין לאגער, האט מען געמוזט עסן. וועגן דעם האט יעקב באקומען דעם לעפעל און טעלער און ער האט זיי זייער שטארק געהיטן.

עס איז געווען פאר פסח, און יעקב האט געטראכט פון וואו וועלן זיי באקומען מצות אין פסח? יעקב מיט זיין חברים האט מען געשטעלט ארבייטן אויף א באן. עס איז געווען מוראדיג שווער ארבעט, אויפהייבן שווערע העלצער מיט אייזען, וכו'. אבער איין גוטע זאך איז יא געווען, דורך ארבייטן אויפן באן וואס איז געווען אין דרויסן פונעם לאגער, האבן די אידן געקענט מאכן קאנטאקט מיט די גויאישע איינוואוינער פון שטעטל. דורך דעם האבן די אידן געקענט פארשאפן זאכן וואס אין די לאגער זענען געווען אונמעגליך צו באקומען.

איין טאג האבן יעקב מיט זיינע חברים געטראפן א פוילישע גוי וואס איז גרייט געווען צו פארשאפן צוויי מצות פאר זיי. יעקב איז געווארן איבערגענומען מיט שמחה ווען ער האט געטראכט אז ער וועט אפשר קענען מקיים זיין די מצוה פון מצות אין דעם פארשאלטענע לאגער. עס איז אבער געבליבן איין פראבלעם, פון וואו וועט מען פארשאפן דעם געלט פאר די מצות? ווייל דער גוי האט געבעטן א טייערן פרייז.

יעקב איז געבליבן שטיל א לאנגע צייט בשעת די גרופע אידן האבן געשמועסט וועגן די מצות. יעקב האט זיך נישט געקענט בארוהיגן ביז ער האט געטראכט וועגן א וועג צו קויפן די מצות. זיי זענען אזוי נאנט געווען צו פארשאפן מצות אין אזא שווערן מצב, עס האט זיכער געדארפט זיין א וועג! האט יעקב געטראכט.

דאן פלוצלינג איז עס געקומען צו אים. "איך האב עס!" האט יעקב געשריגן. די גרופע האט אנגעקוקט מיט גרויס נייגעריגקייט צו זען וואס פאר א פלאן האט יעקב געהאט צו קענען קויפן די מצות. יעקב האט ארויסגענומען זיין לעפעל פון זיין טאש און ער האט עס אויפגעהויבן פאר אלע צו זען.

"א לעפעל... דער פוילישער וועט נישט טוישן מצה פאר א קליינע לעפעלע!" האט מען אים געזאגט. "ניין, ניין... קוק אן..." האט יעקב געזאגט.

דער עולם האט אים אנגעקוקט וואו יעקב האט געלייגט זיין חשובן לעפעל אויפן באן ליניע (די אייזענע חלק אויף וואס דער באן פארט.) נישט לאנג דערנאך איז טאקע געקומען א באן. דער שווערע באן האט געמאכט דעם לעפעל פאר א לאנגע שארפע דינע כלי.

"און יעצט," האט יעקב געזאגט פארן עולם האלטן דעם כלי אין זיין האנט, "גיין מיר נוצן דעם כלי צו ארויסנעמען אונזער גאלדענע ציין!"

שטאטליך, און מיט גרויס ווי טאג, האט יעקב ארויסגענומען אלע פון זיינע גאלדענע ציין. דאן האבן אלע זיינע חברים געטון דעם זעלבן זאך. זיי האבן געגעבן דעם פוילישען גוי דעם גאלד און ער האט זיי געגעבן צוויי רינדיקע מצות. (פון וואו דער גוי האט געהאט די מצות ווייסט מען גראדע נישט.)

"מיר האבן נישט געהאט גענוג מצה כדי יעדער איינער זאל האבן דעם שיעור," האט ר' יעקב אויסגעפירט זיין מעשה, "אבער, מיר האבן געהאט כאטש דעם טעם פון חירות!"

ר' משה איז געזיצן מיט אן אפענע מויל, איבערגענומען מיט וואונדער וועגן דעם מסירות נפש פון ר' יעקב און זיין חברים.

יעצט אז מיר גיין אריין אין דעם היילגן יום טוב פון פסח, לאמיר אלע באדאנקען דעם באשעפער אז מיר האבן אלע גשמיות וואס מען דארף האבן צו קענען מקיים זיין די מצוה פון מצות אין פסח. מען דארף נאר סייעתא דשמיא צו קענען מכוון זיין ווי עס דארף צו זיין ביים עסן דעם הייליגען מאכל פון מצות. **גוט שבת אלע אידן.**

**גוט שבת אלע אידן:** שטייט איז דער הייליגער תורה אין דער קריאה פון דעם זיבעטן טאג פון פסח: "נחית בחסדך עם-זו וכו'" (שמות טו:יג) (מיט אייער חסד האט אונז געפירט.) אס איז דא אסאך אנדערע פלעצער אין דער תורה וואס רעדען פון השם יתברך'ס השגחה איבער דער אידן. אז לאמיר אביסל רעדן פון דער ענין פון השגחה פרטית.

אונז זענען דער אייבערשטער'ס פאלק אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק: "...והייתם לי סגלה מכל העמים וכו'" (שמות יט:ה) אזוי ווי א מענטש טוט כסדר אנרירן זיין טיירע טאש-זייגער צו זיין זיכער אז ער האט עס נישט פארלוירן, אזוי טוט דער אייבערשטער כסדר משגיח זיין אויף דעם אידשער פאלק. די אידן זענען א חשובה זאך "בעיני ה'", ווייל השם יתברך האט אונז ממנה געווען צו מקיים זיין זיין הייליגע תורה, און דערפאר טוט דער אייבערשטער כסדר משגיח זיין אויף זיין פאלק.

לאמיר יעצט פארציילען דער פאלגענדער מעשה, א מעשה וואס גייט מחזק זיין אמונה אין דער ענין פון השגחה פרטית. א "פרייע" איד פון ארץ ישראל איז אמאל געקומען וואוינען דא אין ניו יארק מיט דער משפחה. דער איד איז געפארן קיין אמעריקע נאר וועגן פרנסה, ער האט געפלאנט צוריק צו פארען נאך א פאר יאר. אבער דער אייבערשטער האט געהאט אנדערע פלענער פאר אים און זיינער משפחה.

איין זונטאג, באלד נאך זיי זענען געקומען וואוינען דא, איז דער טאטע מיט דער משפחה און דריי קינדער ארויס געפארן אויף א "טריפ" אינעם בערג פון ניו יארק. פלוצלינג, איז דאס וועטער שלעכט געווארן, און עס האט אנגעהויבען צו רעגענען שטארק. דער טאטע האט נישט אזוי גוט געקענט דעם וועג, ווייל ער איז קוים געקומען וואוינען דא. פלוצלינג האט דער טאטע פארלוירן קאנטראל פונעם קאר, און דער קאר איז געפלויגען אראפ פונעם בארג. די טאטע און מאמע וואס האבן זיך נישט צוגעבינדן מיט "סיט-בעלטס" זענען ארויסגעפלויגן פונעם קאר, און זיי האבן פארלוירן זייער "הכרה". די דריי יונגע קינדער זענען געבליבן אינעם קאר.

ווען די מאמע איז צוריקגעקומען צו זיך, האט זי ארום געקוקט און געזעהן אז אירע מאן איז געלעגן שטיל אויפן ערד. די מאמע האט געזעהן אז דער קאר איז געשטאנען אויפן זייט פונעם בארג . די מאמע האט נאר געטראכט וועגן דער דריי קליינע קינדער וואס זענען געווען אין דעם קאר. דער קאר איז געווען אויפען זייט פונעם בארג, און עס האט זיך אנגעהויבען צו שאקלען, כאילו עס גייט באלד אינגאנצן אראפ'פאלען פון דעם בארג.

די מאמע איז שנעל געגאנגן צו דעם קאר און ארויס גענומען צווי פון די קינדער. אבער ליידער, איינע פון די קינדער איז געווען אין א "בֵייבִי סִיט" אין דער "בעק" פונעם קאר, און די מאמע האט נישט געקענט צוקומען צום קינד. די מאמע האט פרובירט צו עפענען דעם טיר, אבער זי האט נישט געקענט. די מאמע האט נאכאמאל פרובירט צו ארויסנעמען דעם קינד, אבער זי האט פשוט נישט געקענט כאפען דעם קינד, אירע הענט זענען נישט גענוג לאנג געווען! די מאמע האט געהאלטן ביים יאוש, אבער מיט אלע כוחות הגוף והנפש האט זי נאכאמאל פרובירט ארויסצונעמען דעם קינד און זי האט ב"ה מצליח געווען. הפלא ופלא! די מאמע האט נישט געקענט משיג זיין ווי זי האט געקענט דערגרייכן דעם קינד.

נעבאך דער טאטע האט צוריקגעגעבן זיין נשמה ביים "אקסידענט". ב"ה גאר נישט איז אבער געשעהן צו די קינדער. די מאמע איז געווען דריי חדשים אין שפיטאל און זי האט געהאט אסאך אפעראציעס. ווען די מאמע איז געווען אין שיפיטאל, האט זי דורכגעגאנגען די פאסירונגען נאכאמאל און נאכאמאל. די מאמע האט נישט געקענט משיג זיין ווי זי האט געקענט דערגרייכן דעם קינד. זי האט אנגעהויבען צו גלייבען אז עס איז געווען א מלאך, ווייל על פי דרך הטבע, איז עס פשוט נישט געווען מעגליך צו דערגרייכן אזוי ווייט! בקיצור, די מאמע איז געווארן א בעלת תשובה.

די מאמע איז צוריקגעפארן מיט איר דריי קינדערלעך קיין ארץ ישראל. זי האט געשיקט די קינדער צו לערנען אין פרומע מוסדות. ווייבאלד די קינדער האבן קיינמאל נישט געהאט קיין ריכטיגע אידישע חינוך אבער, איז עס געווען גאר שווער פאר זיי צו מצליח זיין אין לימודי קודש. פאר אין יונגל, דער צען יעריגער "עַמִי", איז עס געווען מער שווער ווי די אנדערע, ווייל ער האט קיינמאל נישט געלערנט קיין גמרא.

איין טאג, עַמִי איז אהיימגעקומען מיט זיין פנים נאס פון טרערן. די מאמע האט אים געפרעגט פארוואס ער וויינט אזוי שטארק. האט ער געזאגט: "מחר יש לי בחינה על הפרק החמישי של מסכת בבא קמא. ואני לא מבין את הגמרא. אני לא יכול להצליח!" ("מארגען האב איך א בחינה אויפ'ן פונפטע פרק אין בבא-קמא. איך פארשטיי נישט דער גמרא, איך קען נישט מצליח זיין!)

די מאמע האט פרובירט אים מפייס צו זיין, אבער זי האט נישט אזוי מצליח געווען. עַמִי האט געפילט אביסל בעסער אבער זיין פנים איז נאכאלץ געווען נאס ווען ער איז געגאנגען שלאפען.

אינדערפרי, איז עַמִי אויפגעשטאנדען מיט א גרויסן שמייכעל. די מאמע האט זיך געוואונדערט, וואס איז געשען ביי נאכט אז דער יונגל זאל אויפשטיין אזוי פריילעך.

"אמא," האט עַמִי אנגעהויבן צו זאגן, "איך האב נעכטן געחלומ'ט א גוטע חלום, און יעצט בין איך זיכער אז איך גיי מצליח זיין. איך האב געחלומ'ט פון טאטי! אינעם חלום בין איך געגאנגען מיט טאטי אויפן גאס. האב איך געזאגט פארן טאטען אז מיר זענען אלע געווארן בעלי-תשובה. טאטי האט מיר געענפערט: 'יא, איך ווייס. ווען איר זענט געווארען עהרליך, האט מען מיר אריינגעלאזט אין גן עדן.'"

"נאכדעם," האט עַמִי דערציילט ווייטער. "איך האב געזאגט צו טאטי, אז מארגען האב איך א גרויסע בחינה אויף בבא קמא. טאטי האט מיך געענפערט: 'די פרק גמרא וואס דו לערנסט איז די זעלבע וואס איך לערן יעצט אין הימעל.' נאכדעם האט טאטי מיר געלערנט די גאנצע פרק גמרא. וועגן דעם ווייס איך אז איך גיי מצליח זיין!" עַמִי'ס רבי אין חדר איז געווען מוראדיק צופרידען מיט עַמִי, ווייל ער האט ב"ה בעקומען 100% אויפן בחינה!

מען דארף נאר עפענען די אויגען צו זעהן אז עס איז דא א באשעפער אויפן וועלט וואס פירט אלעס. **גוט שבת אלע אידן.**